# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת תזריע - מצורע

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד:
**א. י. גרינוואלד 054-8494370 (972)**

# תוכן הענינים

## דֶער תַּכְלִית פוּן דִי נְגָעִים


יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו..........ה

הִתְבּוֹנְנֹת און תִּקּוּן הֲמַעֲשִׂים..........ה

מִיט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דֶעם נֶגַע..........ו

יְסוּרִים מְמַרְקִים..........ז

יְסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה..........ז

כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד..........ח

דַאנְקֶען אוֹיף דִי צָרָה און אוֹיף דִי יְשׁוּעָה..........ט


## עֲבוֹדַת יְמֵי הַסְּפִירָה - א'


דִי סְפִירָה אִיז אַ כְּלִי פַאר דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן פֶּסַח..........י

עַד שֶׁתֶּחְפָּץ - וָואס אִיז דִי חֵפֶץ?..........יא

צֵיילְן סְפִירָה - הֲכָנָה פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה..........יא

יְמֵי הַסְּפִירָה - חוֹל הַמּוֹעֵד..........יב

דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוּס..........יב

וָואס אִיז דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה..........יד

יְמֵי הַסְּפִירָה אֵייגֶענֶע הָארֶעוָואנְיֶע..........טו

יִשְׂרָאֵל נִמְשְׁלוּ לְתַפּוּחַ..........טז

לְהִטָּהֵר וּלְהִתְקַדֵּשׁ בִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מַעְלָה..........טז

# פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ - מְצֹרָע

## דֶער תַּכְלִית פוּן דִי נְגָעִים

☆ יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו ☆ הִתְבּוֹנְנוּת און תִּקּוּן הַמַּעֲשִׂים ☆ מִיט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דֶעם נֶגַע ☆ יְסוּרִים מְמַרְקִים ☆ יְסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה ☆ כָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד ☆ דאנְקֶען אוֹיף דִי צָרָה און אוֹיף דִי יְשׁוּעָה

### יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו

**מִיר** לֶערְנֶען דִי וָואךְ אִין דִי פָּרָשִׁיּוֹת דִי הֲלָכוֹת אִיבֶּער נְגָעִים, וֶוען מְ'בַּאקוּמְט אַ נֶגַע דַארְף מֶען גֵיין צוּם כֹּהֵן, אוּן זִיךְ מְטַהֵר זַיין.

**מִיר** גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל (ערכין טו:) פַארְשִׁידֶענֶע טְעָמִים פַארְוָואס דִי בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט נְגָעִים. דִי גְּמָרָא זָאגְט אַז דִי הוֹיפְּט סִיבָּה פַארְוָואס נְגָעִים קוּמֶען אִיז צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע.

**דִי** רִאשׁוֹנִים עֶרְקְלֶערְן אַז דוּרךְ דֶעם וָואס מֶען וֶוערְט קְרֶעצִיג – אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט צָרַעַת, דארף מֶען זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן יֶעדְן, אוּן זִיךְ פַארְשְׁפַּארְן אִין אַ צִימֶער אַלֵיין, אוּן אַזוֹי אַרוּם טוּט מֶען זִיךְ עֶרְוֶועקְן אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אַרֵיין טְרַאכְטְן פַארְוָואס מֶען לֵיידְט יְסוּרִים, מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין צוּפַאל, נָאר אַלֶעס הָאט אַ פִּינְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, בִּיז מֶען טְרַאכְט אַרֵיין אִין דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, מֶען אִיז זִיךְ אוּן אַזוֹי טוּט מֶען רִיכְטִיג תְּשׁוּבָה.

**דָאס** אִיז דֶער תַּכְלִית פַארְוָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן וֵוייטָאגְן, כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ דַארְפְן אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן אַרֵיין טְרַאכְטְן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל, אוּן אַזוֹי תְּשׁוּבָה טָאן.

### הִתְבּוֹנְנוּת און תִּקּוּן הַמַּעֲשִׂים

**וֶוען** מֶען הָאט גֶעפִינֶען אַ נֶגַע, אִיז מֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט פַאר אֵיין וָואךְ, אוּן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ וָואךְ, הָאט מֶען גֶעדַארְפְט זֶען אוֹיב עֶס אִיז צוּגֶעקוּמֶען מֶער סִימָנֵי טֻמְאָה צִי עֶס אִיז גֶעוָוארְן בֶּעסֶער. דִי סֵפֶר הַחִינּוּךְ (מִצְוָה קסט) אִיז מַסְבִּיר אַז דִי תּוֹרָה הָאט גֶעגֶעבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר דִי מְצֹרָע אִין דִי וָואךְ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט, צוּ אַרֵיין טְרַאכְטְן אִין זַיינֶע מַעֲשִׂים אוּן צוּ תְּשׁוּבָה טָאן, אוֹיב דִי כֹּהֵן הָאט אִים גֶעזָאגְט - וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אֵיין וָואךְ אַז דִי נֶגַע הָאט זִיךְ גֶעהֵיילְט, אוּן עֶר קֶען שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין, מֵיינְט דָאס אַז דֶער מְצֹרָע הָאט טַאקֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אִין דֶער וָואךְ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט. אָבֶּער טָאמֶער דֶער מְצֹרָע הָאט נִישְׁט

רִיכְטִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּג אַרַיין גֶעטְרַאכְט אִין דֶער סִיבָּה פַארְוָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אַ נֶגַע, דַאן דַארְף עֶר זִיצְן נָאךְ אַ וָואךְ אֵיינְגֶעשְׁפַּארְט אַלֵיינְ'ס, כְּדֵי צוּ כַאפְּן אַז דִי יְסוּרִים זֶענֶען דָא פַאר אַ סִיבָּה, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל עֶפֶּעס וֵוייזְן דֶערמִיט.

**עֶר** אִיז מַסְבִּיר מִיט דֶעם דֶער עִנְיָן פַארְוָואס דִי כֹּהֵן זָאגְט אַמָאל פַאר דִי מְצֹרָע אַז עֶר דַארְף בְּלֵייבְּן נָאךְ אַ וָואךְ אֵיינְגֶעשְׁפַּארְט, וִוייבַּאלְד עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגְן צוּ תְּשׁוּבָה טָאן, אָבֶער עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶענוּג תְּשׁוּבָה גֶעטָאן, דֶערפַאר אִיז טַאקֶע נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען קֵיין סִימָנֵי טֻמְאָה, אָבֶער וִוייבַּאלְד עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצֶען תְּשׁוּבָה גֶעטָאן, הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אָפְּגֶעטוּן אַלֶע סִימָנִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז אַהֶער, דֶערִיבֶּער דַארְף עֶר בְּלֵייבְּן נָאךְ אַ וָואךְ אֵיינְגֶעשְׁפַּארְט צוּ עֶנְדִיגְן זַיין תְּשׁוּבָה.

## מִיט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דֶעם נֶגַע

**הַגָּאוֹן** רַבִּי שְׁלֹמֹה קְלוּגֶער זצ"ל (אִמְרֵי שֶׁפֶר) בַּאטָאנְט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע מְצֹרָעִים וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם כֹּהֵן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יד ב) **וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן** אַז דִי מְצֹרָע אַלֵיין אִיז גֶעקוּמֶען צוּם כֹּהֵן, וִוידֶער אַ פָּסוּק שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט **וְיָצָא הַכֹּהֵן** דִי כֹּהֵן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם מְצֹרָע זֶען אוֹיבּ זַיין נֶגַע אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אוֹיסגֶעהֵיילְט. לִכְאוֹרָה זֶעט עֶס אוֹיס אַ סְתִירָה, עֶרְשְׁט שְׁטֵייט אַז דִי מְצֹרָע אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם כֹּהֵן, אוּן דֶערנָאךְ שְׁטֵייט אַז דִי כֹּהֵן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם מְצֹרָע, וֶוער אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ וֶועמֶען?

**עֶנְטְפֶערְט** רַבִּי שְׁלֹמֹה קְלוּגֶער זצ"ל אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי סָארְטְן מְצֹרָעִים. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט אִינְגַאנְצֶען אוֹיסגֶענוּצְט דִי צֵייט וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֵיין, זֵיי הָאבְּן טַאקֶע תְּשׁוּבָה גֶעטָאן, אָבֶער זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם תַּכְלִית הַשְׁלֵמוּת פוּן דִי דֶרֶךְ הַתְּשׁוּבָה, אוּן וֵוייל זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, הָאט אוֹיסגֶעפֶעלְט אַ מְסֻגָל'דִיגֶע זְמַן, וָואס זָאל אִינְגַאנְצֶען אוֹיסלוֹיטֶערְן דִי מְצֹרָע, אַזֶעלְכֶע מְצֹרָעִים הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם כֹּהֵן, כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ תְּשׁוּבָה בֶּאֱמֶת.

**עֶר** טֵייטְשׁ דָאס אַרֵיין אִין דִי פָּסוּק (יד ב) **זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע 'בְּיוֹם' טָהֳרָתוֹ,** אַז דִי תּוֹרָה וִויל אוּנְז מְרַמֵּז זַיין מִיט דִי וָוארְט 'בְּיוֹם' אַז אֲזַא סָארְט מְצֹרָע דַארְף נָאךְ צוּקוּמֶען צוּ 'בַּיּוֹם' - אַ מְסֻגָל'דִיגֶע צֵייט וָואס זָאל אִים צוּבְּרֶענְגְן צוּ אַ רִיכְטִיגְן תִּקּוּן.

**נָאכדֶעם** שְׁרֵייבְּט דִי תּוֹרָה, וֶועגְן אַזֶעלְכֶע מְצֹרָעִים וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דִי בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט דִי יְסוּרִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסגֶענוּצְט דִי צֵייט דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶוען, אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן רִיכְטִיג, בִּיז זֵיי הָאבְּן דֶערגְרֵייכְט צוּ אַן אֱמֶתֶ'ע תְּשׁוּבָה, וָואס בַּי אַזֶעלְכֶע פֶּעלֶער שְׁטֵייט 'וְיָצָא הַכֹּהֵן' דִי כֹּהֵן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם מְצֹרָע, דִי מְצֹרָע הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסגֶעלוֹיטֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם כֹּהֵן, נָאר דֶער כֹּהֵן אִיז גֶעקוּמֶען זֶען דִי צָרַעַת, אוּן עֶר זֶעט וִוי דֶער

נֶגַע הָאט זִיךְ גֶעהֵיילְט 'מִן הַצָּרוּעַ' פוּן דֶעם זְכוּת פוּן דִי מְצֹרָע אַלֵיין.

## יְסוּרִים מְמַרְקִים

**מִיר** זֶענֶען דֶערפוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יְסוֹד וָואס מִיר דַארְף צוּ טָאן וֶוען מֶען לֵיידְט יְסוּרִים, דֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט יְסוּרִים, כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסלוֹיטֶערְן אוּן אוֹיסרֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע זִינְד, מִיר דַארְפְן נָאר הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אוּנְז עֶפֶּעס וִוינְקֶען מִיט דִי צַעַר אוּן פֵּיין, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ה.) זָאגְן **אִם רוֹאֶה אָדָם יְסוּרִים בָּאִים עָלָיו** אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט יְסוּרִים **יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו** זָאל עֶר אַרַיין טְרַאכְטְן אִין זַיינֶע מַעֲשִׂים אוּן תְּשׁוּבָה טָאן אוֹיף זַיין זִינְד.

**חֲזַ"ל** (יומא פו.) זָאגְן אַז יְסוּרִים טוּט אָפְּרֵיינִיגְן אוּן אוֹיסמֶעקְן דִי זִינְד וָואס מֶען הָאט. דִי חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת (שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה) שְׁרַייבְּט אַז דָאס וָואס דִי יְסוּרִים זֶענֶען מְכַפֵּר דִי עֲוֹנוֹת, דָאס אִיז נָאר בִּתְנַאי אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַרַיין פַארְוָואס מֶען הָאט יְסוּרִים, מֶען פַארְשְׁטֵייט אוּן מֶען אַנֶערקֶענְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט דָאס פַאר אַ סִיבָּה, אָבֶער אוֹיבּ מֶען הָאט יְסוּרִים, אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ, מֶען קְלָאגְט דֶערוֹיף אָן צוּלֵייגְן קָאפּ אַז דִי גוּף הָאט טַאקֶע וֵוייטָאגְן, אָבֶער דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אוֹיסגֶעהֵיילְט, דַאן פַארדִינְט מֶען גָארְנִישְׁט מִיט דִי יְסוּרִים.

## יְסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה

**מִיר** גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל צְוֵויי סִיבּוֹת פַארְוָואס נִגְעֵי בָּתִּים זֶענֶען גֶעקוּמֶען; עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (פרק יז ד) אַז דִי נְגָעִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ דִי זִינְד וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, עֶרְשְׁט אִיז דָאס גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי הֵייזֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט וַוייטֶער גֶעזִינְדִיגְט אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דַאן זֶענֶען דִי נְגָעִים גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי קְלֵיידֶער, אוּן אוֹיבּ דָאס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, הָאט דֶער אוֹיבֶּערשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט דִי נְגָעִים אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

**וְוִידֶער** אִין רַשִׁ"י שְׁטֵייט (בשם מדרש יז ו) אַז דִי בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעוָואלְט בַּאלוֹינֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אוֹיבֶּערשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט נְגָעִים אוֹיף דִי וֶוענְט פוּן דִי שְׁטִיבֶּער, אַזוֹי הָאט מֶען גֶעדַארְפְט צוּבְּרֶעכְן דִי וֶוענְט, אוּן מֶען הָאט דָארְטְן גֶעפִינֶען גוּטֶע אוּן וֶוערדְפוּלֶע אוֹצָרוֹת וָואס דִי כְּנַעֲנִים הָאבְּן גֶעהַאט בַּאהַאלְטְן. זֶעט מֶען דֶערפוּן אַז דִי נְגָעִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ טוֹבָה פַאר דִי אִידְן, אוּן נִישְׁט קֵיין שְׁטְרָאף.

**בְּדֶרֶךְ** דְּרוּשׁ קֶען מֶען זָאגְן פְּשַׁט אַז דִי צְוֵויי מִדְרָשִׁים זֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין סְתִירָה, אוּן בֶּאֱמֶת דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשִׁיקְט נְגָעִים הָאט דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַרוֹיס גֶעוִויזְן דֶערְמִיט זַיין לִיבְּשַׁאפְט צוּ זַיין הֵיילִיג פָאלְק. וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט דֶער זְכִיָּה אוּן גֶעטְרַאכְט וִוי אַ אִיד, הָאט פַארשְׁטַאנֶען אַז דִי יְסוּרִים וָואס מֶען הָאט פוּן דִי נְגָעִים, זֶענֶען יְסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה. דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ אַ טוֹב וּמֵטִיב לַכֹּל, אוּן עֶר וֶוען עֶר שִׁיקְט אוּנְז יְסוּרִים מֵיינְט עֶר דָאךְ נָאר גוּטְ'ס, אוּנְז דַארְפְן נָאר עֶפְנֶען דִי אוֹיגְן אוּן זֶען אַז אִין יֶעדֶע בִּיסְל וֵוייטָאג לִיגְט בַּאהַאלְטְן אוֹצָרוֹת פוּן גוּטְ'ס, עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס מֵיינְט אוּנְזֶער טוֹבָה אוּן עֶר וִויל אוּנְז רֵיין וַואשְׁן דוּרְךְ יְסוּרִים.

**װען** אַ טאַטע זעט אַז זײַן קינד גײט אױף אַ פאַלשע ריכטונג װעט אים װײַזן די ריכטיגע װעג, װײַל ער װיל נישט אַז זײַן קינד זאל זיך בלאָנדזשען און גײן אױף אַ שעדליכע װעג, אַזױ אױך טוט דער באַשעפער אונז גלעטן מיט אַ ליבשאַפט װען ער שיקט אונז יסורים; ער װײַזט אונז, גײ נישט דער װעג, בלאָנדזשע נישט! איך געב די װײטאָגן פאַר דײַן טובה! איך װיל זאָלסט גײן אין די ריכטיגע װעגן.

## כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד

**פונקט** װי אַ קראַנקער װעלכער איז זײער פאַרװאונדעט, דאַרף נעמען זײער שאַרפע מעדעצין, אָדער אַ קראַנקער װעלכע דאַרף אָנקומען צו אַן אַפּעראַציע כּדי די קרענק זאל פון אים אַװעק גײן, איז אים דאָך קלאָר אַז ער דאַרף באַצאָלן פאַר דעם דאָקטער װעלכער מאַכט די אַפּעראַציע, און פאַרשטײט זיך אַז ער איז דאַנקבאַר פאַר די דאָקטאָר פאַר'ן אים אױסהײלן, כאָטש װאָס דער מענטש איז אין די צײט אַרום גענומען מיט װײטאָגן, פאָרט װײסט ער אַז דאָס איז פאַר זײַן טובה, און נאָר אַזױ קען ער װערן אױסגעהײלט. װער עס איז קלוג און פאַרשטײט עס גלײַך װען עס װערט פאַרשאַפט דער נגע און איז מקבל אױף זיך דעם דין באַהבה, װײַל ער גלױבט און איז פאַרזיכערט אין דער באַשעפער װעלכער װיל נאָר זײַן טובה, און ער װײסט אַז **כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטָב עָבִיד**, און ער אַנערקענט אַז **כִּי מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת** װײַל פון דעם אײבערשטנ'ס מױל װעט קײן שלעכטס נישט אַרױסגײן, דאָס זענען יסורים שֶׁל אַהֲבָה!

אָבער װער עס לײגט נישט זײַן האַרץ צו זיך אַײַנקוקן אין װען אַז די נגעים זענען געקומען אױף אים כּדי אים צו אױסהײלן פון די זינד װאָס ער האָט געזינדיגט מיטן רעדן לשון הרע, אָדער גסות רוח אָדער די אַנדערע זינד װעלכע חז"ל האָבן דערמאַנט (ערכין טז.), נאָר ער רעגט זיך אױף זײַן באַשעפער, ער איז פון די װאָס שלמה המלך זאָגט (משלי יט ג) אױף זײ **אִוֶּלֶת אָדָם תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ וְעַל ה' יִזְעַף לִבּוֹ** די נאַרישקײט פון דעם מענטש פאַרקרומט זײַן װעג און זײַן האַרץ רעגט זיך אױף השי"ת, ער דאַרף טאַקע זיצן אין זײַן טומאה ביז ער װעט מכניע זײַן און בײגן זײַן האַרץ און פאַרשטײן דאָס די צרעת איז געקומען אױף אים כּדי צו גוט'ס טאָן מיט אים און אים אױסװאַשן זײַן האַרץ פון אַלע שלעכטס.

**דָאס** איז אַ גרױסער כּלל אין די תּוֹרה צו גלױבן אין די הנהגה פון דער באַשעפער אַז אַלעס איז צום גוטן, און אֲפילוּ אין די צײט װען יסוּרים און שװערע װײטאָגן קומען חס ושלום, פונדעסטװעגן דאַרף מען זיך שטאַרקן אַז אַלעס איז נאָר צום גוטן און עס קומט כּדי צו אױסהײלן אונזער זעל און איר אױסלײטערן פון יעדן קלײן פּגם, און כאָטש װאָס אונז דאַרפן מתפּלל זײַן און בעטן דעם רבש"ע אַז ער זאל נישט ברענגען אױף אונז קײן יסורים, **לֹא הֵן וְלֹא שְׂכָרָם** נישט זײ און נישט זײער באַלױן, דאָך בשעת װען מען האָט שױן די יסורים דאַרף מען זײַן זײער פאַרזיכטיג צו דאָס באַהאַנדלען ריכטיג, און נישט חלילה זיך פאַרביטערן און רעגן פאַרװאָס השי"ת האָט אַזױ געטון, נאָר מען דאַרף אָננעמען

די יִסוּרים מיט לִיבְשאַפְט, און מיט אַ לויטערע אֱמוּנָה אַז זיי זענען געשיקט געוואָרן פון אויבן נאָר לְטוֹבָה.

## דאַנקען אויף די צָרָה און אויף די יְשׁוּעָה

**דער** סְפוֹרנוֹ (ז יא) ערקלערט וואס מיר זען ביי אַ קָרבַּן תּוֹדָה אַז דאָס קומט מיט 'חַלּוֹת מַצָּה און חָמֵץ' אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מְנָחוֹת וואָס איז בלויז 'מַצָּה', וויבאַלד עס ווערט געברענגט און חֲזַ"ל (ברכות נד:) **אַרְבָּעָה צְרִיכִים לְהוֹדוֹת; יוֹרְדֵי הַיָּם וְהוֹלְכֵי מִדְבָּרִיּוֹת וְחָבוּשׁ בְּבֵית הָאֲסוּרִים וְחוֹלֶה שֶׁנִּתְרַפֵּא**, די וועלכע האָבן דורכגעשפּאַנט דעם יַם, אַדורך דעם מִדְבָּר, אַ געפאַנגענער וואָס איז אַרויס פון תְּפִיסָה, און אַ קראַנקער וואָס איז געזונט געוואָרן, דאַרפן דאַנקען און ברענגען אַ קָרבַּן תּוֹדָה. דער צַד הַשָּׁוֶה פון אַלע פיר איז אַז אַלע זענען געווען אין כְּלָל סַכָּנָה און זענען געראַטעוועט געוואָרן, דער סְפוֹרנוֹ ערקלערט: **סִיבַּת הַהוֹדָאָה אֲשֶׁר עָלֶיהָ הַהוֹדָאָה הִיא שְׂאוֹר שֶׁבְּעִיסָה** דאָס מיינט, אַז די צָרָה וואָס איז אויף זיי געפאַלן, איז וועגן זייער שלעכטע מַעֲשִׂים וואָס זענען אין אַ בְּחִינָה פון חָמֵץ וּשְׂאוֹר שֶׁבְּעִיסָה.

**לויט** דעם איז פאַרשטענדליך אַז ווען מען ברענגט דעם קָרבַּן צו לויבן און דאַנקען אויף דעם נֵס, דאַרף מען ברענגען אויף חָמֵץ'דיגע חַלּוֹת, וויבאַלד מען דאַרף לויבן און דאַנקען אויך אויף די "חָמֵץ" די סַכָּנָה וואָס האָט פּאַסירט, ווייל נישט נאָר דער נֵס איז לְטוֹבָה נאָר אויך די סַכָּנָה און די שלעכטס וואָס האָט פּאַסירט איז פאַר גוטס, כְּדֵי אויסצולייטערן די נְשָׁמָה פון יעדן זינד און שלעכטס, און די צָרָה איז געווען ווי אַ מעדעצין פאַר זיין קרענק.

**עס** שטייט אין מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב אויף דעם וואָס דער נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל זאָגט (תהלים קיח כא) **אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי לִי לִישׁוּעָה** איך דאַנק דעם באַשעפער אויף דעם וואָס ער האָט מיר געפּייניגט, - 'עֲנִתָנִי' קען מיינען 'געענטפערט', און עס קען אויך מיינען 'געפּייניגט' - און אַזוי האָב איך געהאַט נאָכדעם אַ יְשׁוּעָה. די מִדְרָשׁ ערקלערט דאָס מיט אַ מָשָׁל צו איינער וואָס האָט זיך געגרייט אַרויס צו גיין אַ נְסִיעָה מיט אַ גרופּע מענטשען, און צום סוֹף האָט ער פאַרשפּעטיגט און ער האָט פאַרפאַסט די גרופּע, פאַרשטייט זיך אַז עס האָט אים שטאַרק געבאַדערט, אָבער ווען ער האָט געהערט אַז יענע גרופּע האָט נישט איבער-געלעבט זייער וועג, פרייט ער זיך און ער דאַנקט אויף דעם וואָס עס האָט אויסגעזען נישט גוט, ער לויבט דער באַשעפער פאַר אים מאַכן שפּירן בְּצַעַר, ווייל ער אַנערקענט אַז דאָס איז געווען פאַר זיין אייגן טוֹבָה.

# עֲבוֹדַת יְמֵי הַסְפִירָה - א׳

☆ דִי סְפִירָה אִיז אַ כְּלִי פַאר דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן פֶּסַח ☆ עַד שֶׁתֶּחְפָּץ - וָואס אִיז דִי חֵפֶץ? ☆ צֵיילְן סְפִירָה – הֲכָנָה פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה ☆ יְמֵי הַסְפִירָה – חוֹל הַמּוֹעֵד ☆ דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס ☆ וָואס אִיז דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה ☆ יְמֵי הַסְפִירָה אֵייגֶענֶע הָארֶעוַואנְיֶע ☆ יִשְׂרָאֵל נִמְשְׁלוּ לְתַפּוּחַ ☆ לְהִטָּהֵר וּלְהִתְקַדֵּשׁ בִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מַעְלָה

### דִי סְפִירָה אִיז אַ כְּלִי פַאר דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן פֶּסַח

**מֶען** הַאלְט שׁוֹין רֹאשׁ חֹדֶשׁ אִיָּר, צְוֵויי וָואכְן וָואס מִיר צֵיילְן שׁוֹין סְפִירָה. עֶס אִיז אַ פַּאסִיגֶע צֵייט אַרֵיין צוּ טְרַאכְטְן אוּן זֶען וָואס אִיז אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִין דִי טֶעג.

**דִי** יְמֵי הַסְפִירָה אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז טֶעג וָואס מִיר הָאבְּן דֶערִין אַ מִצְוָה וָואס מְ'אִיז מְקַיֵּים אִין דִי אֵיינְצִיגֶע מִינוּטְן וָואס דִי מִצְוָה נֶעמְט[א], נָאר דָאס זֶענֶען אַנְדֶערֶע סָארְט טֶעג, 'יְמֵי' הַסְפִירָה.

**דִי** סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אַז נָאךְ יֶעדֶע הֵיילִיגֶע צֵייט וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת, אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן אַ אִיד צוּ מַאכְן אַ כְּלִי אוּן אַ חֵפֶץ צוּ הַאלְטְן דִי הַשְׁפָּעוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען. מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דוֹמֶה, אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט נֶעבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס גִיסְט לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע וַואסֶער, אוּן עֶר וִויל שֶׁעפְּן דֶערְפוּן אַבִּיסְל וַואסֶער, אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין כְּלִי קֶען עֶר נִישְׁט מִיט נֶעמֶען אוֹיף וֵוייטֶער, עֶר קֶען בְּלוֹיז עֶפֶּעס כַאפְּן בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, אָבֶּער כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיט נֶעמֶען דַארְף מֶען אַ כְּלִי, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין רוּחָנִיּוּת זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אֵיינְגֶעוואוֹינֶען צוּ מַאכְן אַ חֵפֶץ פַאר דִי הֵיילִיגֶע זְמַנִּים[ב].

---

**א.** חסידים הראשונים – און אזוי אויך איז היינט דא אידן – וואס זענען מאריך גאר לאנג אין די הייליגע מצוה פון ספירת העומר, און די תחנונים וואס מ'בעט דערנאך. עס איז אינטערסאנט צו באמערקן אז דער ערוך השלחן (סימן תפט ס"ו) – וואס ער איז פון די גדולי ליטא – שרייבט אז באמת איז נישט ראוי פאר סתם המון עם צו זאגן די זאכן וואס מ'זאגט נאך ספירה וואס עס איז עניני קבלה, אבער למעשה איז דער עולם שוין איינגעוואוינט עס צו זאגן "בהתפעליות הנפש"!

**ב.** עס איז באקאנט וואס דער הייליגער רבי אלימלך זי"ע זאגט (פרשת אמור) "להזהיר גדולים על הקטנים" אז דער סדר פון א איד דארף זיין מיטצונעמען פון די גרויסע טעג (גדולים) אויף די קלענערע טעג (קטנים).

עס קען זיין בלשון צחות אז "להזהיר" איז פון לשון זוהר (לייכטן) אז א מענטש דארף פון די גרויסע טעג "באלייכטען" די קלענערע טעג. יעדער האט אמאל טעג וואס ער וואלט זייער שיין

**עֶס** איז בַּאקַאנְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער קְדֻשַּׁת לֵוִי (פרשת יתרו ד"ה פן יהרסו) בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן רַמְבַּ"ן (אמונה ובטחון פי"ט), ווי עֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק אִין שִׁיר הַשִּׁירִים (ב ז) **אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ הִתְעוֹרְרוּת פוּן אַהֲבָה, 'עַד שֶׁתֶּחְפָּץ' דַארְף עֶר מַאכְן דֶערְפוּן אַ חֵפֶץ, אַ כְּלִי, עֶר דַארְף אַרַיינְלֵייגְן דִי הִתְעוֹרְרוּת אִין אַ לְמַעֲשֶׂה'דִיגֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווערְט אָנְגֶעוַואֶרעמְט עֶר בַּאקוּמְט אַ פְּלַאם פֵייעֶרְדִיגֶע גֵייסְט, זָאל עֶר גְלֵייךְ אַרַיין לֵייגְן דִי גַאנְצֶע אַהֲבָה אִין אַ מִצְוָה.

**מִיר** הַאלְטְן אַצִּינְד נָאךְ דִי גְרוֹיסֶע טֶעג וָואס אִיז עֶרְשְׁט יֶעצְט פַארְבֵּיי, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע פֶּסַח'דִיגֶע אַטְמָאסְפֶער וָואס לָאזְט אִיבֶּער אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רֹשֶׁם אוֹיף יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער, עֶס הָאט אִין זִיךְ אַזוֹי פִּיל פְּרָטֵי הַמִּצְוֹת, סִפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם, מַצָּה, מָרוֹר, ד' כּוֹסוֹת, אוּן נָאךְ, אוּן צוּ דֶעם אַלֶעם דַארְפְן מִיר מַאכְן אַ חֵפֶץ, אַז דִי הַשְׁפָּעוֹת זָאלְן גֵיין אוֹיף וַוייטֶער. כְּדֵי דִי הַשְׁפָּעוֹת זָאלְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין, פָאדֶערְט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ כְּלִי וָואס זָאל קֶענֶען אַנְטְהַאלְטְן דִי הַשְׁפָּעוֹת.

## עַד שֶׁתֶּחְפָּץ – וָואס אִיז דִי חֵפֶץ?

**דִי** מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר - דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דֶער כְּלִי אוּן דֶער וֶועג וְויאַזוֹי מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע הַשְׁפָּעוֹת פוּן דֶעם יוֹם טוֹב. דוּרךְ דֶעם וָואס מִיר צֵיילְן סְפִירָה, נֶעמֶען מִיר מִיט דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וָואס עֶס אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ פֶּסַח אַזוֹי ווִי ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שמות ג יב) **בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה** קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן יְצִיאַת מִצְרָיִם.

## צֵיילְן סְפִירָה - הֲכָנָה פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם סֵפֶר הַחִנּוּךְ (מצוה שו) וָואס עֶרְקְלֶערְט דִי טַעַם הַמִּצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר ווִי פָאלְגֶענְד: דֶער גַאנְצֶע סִבָּה פַארְוָואס הַשי"ת הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וועלט אִיז נָאר **בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל וּבִשְׁבִיל הַתּוֹרָה** צוּלִיבּ דִי אִידְן זָאלְן לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶע תַּכְלִית פַארְוָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער וַוארְטְן מִיר אוּן מִיר טוּהְן לֶעכְטְצֶענֶען נָאכְן הֵיילִיגְן תּוֹרָה, מִיר קוּקְן אַרוֹיס וֶוען וֶועט שׁוֹין אָנְקוּמֶען דֶעם גֶעהוֹיבֶּענֶע אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע טָאג, וָואס מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר צֵיילְן מִיר סְפִירַת הָעֹמֶר, צוּ אַרוֹיס ווַייזְן אוּנְזֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען אוּן תְּשׁוּקָה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

**דֶער** לָשׁוֹן פוּן סֵפֶר הַחִנּוּךְ אִיז **כְּעֶבֶד יִשְׁאַף צֵל**, אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוּנְטֶער אַ הֵייסֶע בְּרֶענֶעדִיגֶע זוּן, אוּן מַמָּשׁ עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶר הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אוּן פוּן דֶערְוַוייטֶענְס זֶעט עֶר ווִי עֶס אִיז דָא אַ

---

באטיטלט אלס "פינסטערע" טעג, אלעס גייט אויפן וועג אראפ.. אבער א איד האט דער כח צו נעמען פון די ליכטיגע טעג, אן אור און א שיין אויף די שווארצע טעג.

שָׁאטְן וִוי דָארְט גֵייט עֶר קֶענֶען קוּמֶען צוּ זִיךְ, אִיז דָאךְ פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז עֶר קֶען קוּים וַוארְטְן אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ, לְכָל הַפָּחוּת אַזוֹי שְׁטַארְק דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה[ג].

## יְמֵי הַסְפִירָה - חוֹל הַמּוֹעֵד

**דִי** אַלֶע סְפִירָה טֶעג צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת דְרֵייט זִיךְ אַלְס אַרוּם צוּלִיבּ דֶעם הֵיילִיגְן תּוֹרָה, וִוי דֶער רַמְבַּ״ן (ויקרא כג לו) דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס בְּנוֹגֵעַ דֶער שַׁיָּכוּת צְוִוישְׁן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וִוי עֶר רוּפְט עֶס אָן ״וְהַיָּמִים הַסְפוּרִים בֵּינְתַיִם הוּא **כְּחוּלוֹ שֶׁל מוֹעֵד** בֵּין הָרִאשׁוֹן וְהַשְּׁמִינִי בְּחַג״, מִיר זֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רַמְבַּ״ן הָאט אָפְּגֶעלֶערְנְט אַז דִי סְפִירָה טֶעג, זֶענֶען וִוי חוֹל הַמּוֹעֵד דָאס מֵיינְט אַז עֶס צִיט זִיךְ אֵיין לַאנְגֶע שְׁטְרֶעקֶע פוּן צְוֵויי עֶנְלִיכֶע זַאכְן. וִוִיבַּאלְד חוֹל הַמּוֹעֵד מֵיינְט, טֶעג וָואס זֶענֶען צְוִוישְׁן צְוֵויי יָמִים טוֹבִים, עֶס פַארְבִּינְדְט דִי עֶרְשְׁטֶער טֶעג יוֹם טוֹב פֶּסַח וָואס אִיז זְמַן חֵרוּתֵנוּ צוּ שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח וָואס אִיז אוֹיךְ זְמַן חֵרוּתֵנוּ, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בֵּיי דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אַז דִי טֶעג אִינְצְוִוישְׁן פַארְבִּינְדְן דִי עֶרְשְׁטֶער יוֹם טוֹב טֶעג מִיט דִי צְוֵוייטֶע יוֹם טוֹב טֶעג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, דִי טֶעג זֶענֶען פַארְבִּינְדְן אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, וִוִיבַּאלְד דֶער גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז דָאךְ גֶעוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען צֵייטְן וָואס מְ׳דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן צוּ קֶענֶען רִיכְטִיג מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

## דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוּס

**אַזוֹי** וִוי דִי אַרְבֶּעט פוּן יְמֵי הַסְפִירָה אִיז נִתְעוֹרֵר צוּ וֶוערְן מִיט הִשְׁתּוֹקְקוּת אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אִיז אֶפְשָׁר וֶוערְד צוּ זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין דִי בַּאקַאנְטֶע[ד] מַעֲשֶׂה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוּס (כַּמּוּבָא בְּפִרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר פֶּרֶק א), דֶער וֶועג וִויאַזוֹי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין פֶּערְזֶענְלִיכֶע קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן פוּן דֶעם נִתְעוֹרֵר וֶוערְן פַאר אוּנְזֶערֶע מַדְרֵגוֹת.

**דִי** מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ׳הוֹרְקְנוּס׳ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע עוֹשֶׁר אוּן עֶר הָאט פַארְמָאגְט אַסַאךְ פֶּעלְדֶער וָואס מְ׳הָאט גֶעאַקֶערְט אִין זֵיי, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּן

**ג.** פארשטייט זיך אז ווי מער א מענטש ווערט העכער און נתעלה אין די תכלית הבריאה, און ווי וויכטיג די תורה איז פאר אים, איז אים לייכטער אנצוקומען צו דער תכלית. דער חיד״א (אין מחזיק ברכה, או״ח סימן תצד) ברענגט בשם דער רמב״ם אז ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים האבן זיי געציילט די טעג, ״און אפילו די שעות״. ווייל דעמאלט האבן די אידן געלעבט אין גאר א הויכע מדריגה. וואס העכער דער מדריגה איז, אלס מער שטרעבט מען צו קבלת התורה!

**ד.** יעדער קען די מעשה פון אלס קינד, די מעשה ביכליך האבן עס שיין באשריבן מיט הערליכע בילדער, אבער דער עיקר עבודה איז צו לעבן און דערהערן ריכטיג די מעשה, ווי דער שינאווער רב זי״ע האט געזאגט בנוגע לערנען פרקי אבות אין די יעצטיגע זומער טעג ״אויסלערנען [יענעם] גייט שנעל, אבער איינלערנען [אין זיך אליין] נעמט אסאך צייט״.

אֱלִיעֶזֶר, וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט אִין אֵיינֶע פוּן דִי פֶעלְדֶער.

**אַמָאל** אִיז דֶער טַאטֶע גֶעקוּמֶען אִין פֶעלְד אוּן עֶר זֶעט ווִי זַיין זוּן – אַנְשְׁטָאט צוּ אַרְבֶּעטְן – זִיצְט אוּן וֵויינְט!

**"אֱלִיעֶזֶר"** – פְרֶעגְט עֶר אִים – "וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר? דִי אַרְבֶּעט דָא אִיז אֶפְשָׁר צוּ שְׁווֶער (עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי דִי שְׁווֶערֶע חֵלֶק וָואס הֵייסְט 'טְרָשִׁין'), וֵוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ לֵייכְטֶערֶע פְּלַאץ צוּ אַרְבֶּעטְן (בַּיי דִי חֵלֶק וָואס הֵייסְט 'מַעֲנָה')".

**אָבֶּער** עֶר זֶעט ווִי אֱלִיעֶזֶר וֵויינְט וֵוייטֶער. "אֱלִיעֶזֶר וָואס אִיז יֶעצְט?", עֶר פְרֶעגְט אַהֶער אַהִין, עֶנְדְלִיךְ פְּלַאצְט אַרוֹיס דֶער אֱמֶתֶ'ע תְּשׁוּבָה פוּן אֱלִיעֶזֶר גֶעשְׁטִיקְט מִיט טְרֶערְן "אִיךְ וֵויין ווַייל אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַקֶערְן, נִישְׁט דָא אוּן נִישְׁט דָארְט, **אֲנִי מְבַקֵּשׁ לִלְמוֹד תּוֹרָה**".

**דֶער** טַאטֶע קוּקְט אִים אָן "אֱלִיעֶזֶר, דוּ וֵוייסְט דָאךְ פּוּנְקְט אַזוֹי גוּט ווִי מִיר אַז דוּ בִּיסְט מֶער נִישְׁט קֵיין קִינְד אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט קֵיין קְלֵיינֶע בָּחוּר, דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ-כְ-ט אוּן צְ-וָ-ו-א-נְ-צִ-י-ג יָאר! יֶעצְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַוְקָא הָאבּ אִיךְ אַן עֵצָה, גֵיי הָאבּ חֲתוּנָה, וֶועסְט הָאבְּן קִינְדֶער וֶועסְט זֵיי טְרָאגְן אִין חֵדֶר אַרַיין, אוּן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ יוֹצֵא זַיין דֶער חִיּוּב פוּן תּוֹרָה".[ה]

**זַיין** טַאטֶע הָאט אֶפְשָׁר גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט, אָבֶּער אֱלִיעֶזֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט זַיין טַאטֶע'ס עֶנְטְפֶער, זַיין הַארְץ הָאט גֶעשְׁטְרֶעבְּט צוּ קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען. עֶר הָאט גֶעפַאסְט פַּאר צְוֵויי וָואכְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זִיךְ אַנְטְפַּלֶעקְט צוּ אִים, אוּן אֵלִיָּהוּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "בֶּן הוֹרְקְנוּס לָמָּה אַתָּה בּוֹכֶה?" אוּן אֱלִיעֶזֶר שְׁרֵייט נָאכְאַמָאל אַרוֹיס זַיין הִשְׁתּוֹקְקוּת "מִפְּנֵי שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ לִלְמֹד תּוֹרָה", הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט "אוֹיבּ אַזוֹי גֵייט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּ רַבִּי יוֹחָנָן זַכַּאי".

**אֱלִיעֶזֶר** גֵייט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר קוּמְט אָן צוּ רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אוּן עֶר וֵויינְט וֵוייטֶער, פְרֶעגְט אִים רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה "מִפְּנֵי מַה אַתָּה בּוֹכֶה?" אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט "מִפְּנֵי שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ לִלְמֹד תּוֹרָה".

**פְרֶעגְט** אִים ר' יוֹחָנָן "וֶועמֶעס אִיז דַיין טַאטֶע?" אֱלִיעֶזֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶנְטְפֶערְן[ו].

**ה.** יעדער איינער דארף דערהערן אלע פרטים פון די מעשה וואס חז"ל לאזן אונז הערן. דער סארט איינרעדעניש רעדט דער יצה"ר אסאך מאל איין פאר מענטשן "מ'דארף טאקע לערנען, אבער איך שטיצט תורה" וכו', עס איז אמת אז שטיצן די תורה איז זייער וויכטיג, און מ'האט א חלק אין זייער לערנען, אבער דאס פטר'ט בכלל נישט דער חיוב פון יעדן איינער צו קובע זיין ריכטיג עתים לתורה.

**ו.** עס קען זיין אז די סיבה פארוואס רבי אליעזר האט נישט געוואלט ענטפערן איז געווען וויבאלד ער האט נישט געוואלט מ'זאל אים מקרב זיין אלס זיין יחוס אבות. אדער קען

**הָאט** רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִים גֶעפְרֶעגְט "צוּ קֶענְסְטוּ זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע, תְּפִלָּה, אוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן?" "נֵיין"! אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶנְטְפֶער. הָאט אִים רַבִּי יוֹחָנָן דָאס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אָבֶער אֱלִיעֶזֶר וֵויינְט וַוייטֶער "אִיךְ וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה".

**סוֹף** סוֹף הָאט רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אָנְגֶעפַאנְגְן לֶערְנֶען מִיט אִים צְוֵויי הֲלָכוֹת אַ טָאג, אוּן שַׁבָּת הָאט עֶר דָאס אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט.

**אַכְט** טֶעג הָאט עֶר אַזוֹי גֶעלֶערְנְט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן, בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיס אַ שְׁוֶוערֶע גְרָאךְ פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר'ס מוֹיל, אוּן רַבִּי יוֹחָנָן הָאט אִים שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט "**בְּנִי**, מֵיין קִינְד אַזוֹי וִוי דֶער רֵיחַ וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן מוֹיל, וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִיר אַ רֵיחַ חֻקֵּי תּוֹרָה פְּאֵר הַשֵּׁי"ת".[ז]

### וָואס אִיז דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה

**דֶער** הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי גְרוֹיס, אַז דִי מִשְׁנָה אִין אָבוֹת (פרק ב משנה ח) זָאגְט "אוֹיבּ אַלֶע חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל וֶועלְן זֵיין אוֹיף אֵיין זֵייט וָואגְשָׁאל, אוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוּס אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זֵייט, וֶועט עֶר זֵיי מַכְרִיעַ זֵיין".

**דָאס** אִיז גֶעקוּמֶען פוּן הִשְׁתּוֹקְקוּת, פוּן תְּפִלָּה[ח], פוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן כָאטְשׁ עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַחֲשָׁבוֹת פוּן יֵאוּשׁ, אוּן בַּארֶעכְטִיגְטֶע (?) מַחֲשָׁבוֹת, גֵיי נֶעם אַ בָּחוּר וָואס קֶען נִישְׁט לֵיינֶען קֵיין קְרִיאַת שְׁמַע! אָבֶער מִיט אַן אֱמֶת'ע תְּשׁוּקָה קֶען מֶען דֶערגְרֵייכְן גָאר וֵוייט!

**אַזוֹי** דַארְפְן מִיר אַלֶע וִויסְן אַז מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זֵיין צוּ אַ שְׁלֵמוּת'דִיגֶע קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הַבָּא עָלֵינוּ

---

אפשר זיין פארקערט אז ער האט מורא געהאט אז ר' יוחנן וועט האלטן אז ער איז נישט ראוי צו תורה, וויבאלד חז"ל (נדרים פא.) זאגן "הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה".

**ז.** די מעשה בקיצור מיט א אנדערע נוסח ווערט אויך געברענגט אין מדרש רבה (בראשית רבה פרשה מב).

**ח.** מ'זעט אין פרקי דר"א אז עס ווערט ארויסגעברענגט כסדר איינמאל נאכן צווייטן דער געוויין פון רבי אליעזר, ער האט כסדר געוויינט אז ער וויל זוכה זיין צו תורה.

עס איז באקאנט וואס דער חזו"א שרייבט אין א בריוו: **הנה אמרו, מיום שחרב בית המקדש כל השערים ננעלו חוץ משערי דמעות**, פון דעם חורבן ביהמ"ק זענען אלע שערים פארמאכט חוץ פון שערי דמעות, **אם יזכה האדם להרגיש את הרע והנמאס בהעדר ידיעות התורה**, אויב א מענטש וועט זוכה זיין צו שפירן, ווי נישט גוט עס איז דאס נישט קענען די הייליגע תורה, **עד שימס לבבו בבכי לפני המקום ב"ה**, ביז ער וויינט מיט טרערן צו השי"ת, **הנה ידע האדם כי כבר זכה הרבה ואשרי חלקו**, זאל ער וויסן אז ער האט שוין אסאך זוכה געווען, **וכבר מובטח הוא שתפלתו נשמעת**, ער איז פארזיכערט אז זיין תפלה וועט געהערט ווערן", און ער פירט אויס דארט "אך על האדם להוסיף שקידה על שקידתו".

דער חזון איש שטעלט אונז דא אוועק אז א מענטש דארף זוכה זיין! צו פארשטיין "הרע, והנמאס, בהעדר ידיעת התורה".

לְטוֹבָה, און ווי מֶער אַ אִיד גְלֵייבְּט אִין דֶעם, אִיז עֶר מֶער מְשֻׁתּוֹקֵק און גְלִיסְט צוּ דֶעם יוֹם טוֹב. הִשְׁתּוֹקְקוּת פַאר זִיךְ, פַאר דִי קִינְדֶער און פַאר דִי תַּלְמִידִים.

### יְמֵי הַסְּפִירָה אֵייגֶענֶע הַארֶעוַואנְיֶע

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט אַז וֶוען אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם זֶענֶען זֵיי גְלֵייךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵגָה, עַד כְּדֵי כָּךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר (דרשות דף רנז.) זָאגְט אַ לָשׁוֹן פֶּלֶא, אַז אֲפִלּוּ אַ פָּשׁוּטֶ'ע אִיד אִיז דַאן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵגָה פוּן אַ גָּדוֹל הַדּוֹר!

**פְרֶעגְן** דָארְף אַלֶע דִי קֻשְׁיָא, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי יְמֵי הַסְּפִירָה זִיךְ מְזַכֵּךְ זַיין אַלְס הֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען דָאךְ שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר הוֹיעךְ, און לִכְאוֹרָה אִין דֶעם מַצָּב זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

**דֶער** בְּנֵי יִשָּׂשכָר (ניסן, מאמר ד' טיול בפרדס דרוש ג') אִיז מַסְבִּיר, אַ יְסוֹד וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק נוֹגֵעַ בִּכְלָלִיּוּת אִין עֲבוֹדַת ה': אֱמֶת טַאקֶע אִיז דִי אִידְן זֶענֶען דַאן גֶעוֶוען אִין אַ הוֹיכֶע מַדְרֵגָה, אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען אָן הַארֶעוַואנְיֶע, אָן יְגִיעָה וַעֲמֵלוּת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, אַזַא זַאךְ הָאט נִישְׁט קֵיין קִיּוּם, עֶס קֶען נִישְׁט אָנְהַאלְטְן[ט].

**דֶערְפַאר** הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי יְמֵי הַסְּפִירָה, **עַל יְדֵי מִצְוַת הַסְּפִירָה הִנֵּה הוּא עַל יְדֵי מַעֲשֵׂינוּ**, דִי מִצְוָה פוּן סְפִירָה אִיז גֶעוֶוען אַ זַאךְ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּהְן, און מִמֵּילָא **יֵשׁ לָהֶם הֲוָיָה וְקִיּוּם**, קֶען עֶס הָאבְּן אַ קִיּוּם.

**און** מִיט דֶעם טַיְיטְשׁ דֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר דִי לָשׁוֹן הַפָּסוּק (כג טו) "תְּמִימוֹת **תִּהְיֶינָה**", תִּהְיֶינָה מֵיינְט אַז עֶס וֶועט בְּלֵייבְּן [דָאס בַּאדֵייט אַז עֶס הָאט אַ קִיּוּם], און דָאס אִיז דֶערְפַאר ווייל עֶס אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים.

**אוֹיךְ** אִיז דֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר מַסְבִּיר מִיט דֶעם דִי פָּסוּק () **וְהָיָה כִּי יִשְׁאָלְךָ בִנְךָ מָחָר לֵאמֹר מַה זֹּאת**, דֶער בֵּן דַּעַת פְרֶעגְט 'מָחָר' אוֹיפְצוּמַארְקְנְס נָאכְן לֵיל הַסֵּדֶר פַאר זַיין טַאטְן, "וָואס גֵייט דָא פָאר?", נֶעכְטְן בִּיסְטוּ גֶעפְלוֹיגְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, און וָואס אִיז הַיינְט', עֶנְטְפֶערְט מֶען אִים **בְּחֹזֶק יָד**

---

**ט.** מ'זאגט נאך פון איינער פון די צדיקים אז אויב עס וועט קומען א מלאך און לערנען מיט איינעם די גאנצע תורה אויף איינמאל, וועט עס גארנישט מזכך זיין דעם מענטש, ווייל דער עיקר פעולה וואס תורה ווירקט אויף א מענטש איז דורך דעם וואס ער פלאגט זיך אויף תורה.

עס איז כדאי דאס צו געדענקען, בפרט יעצט ווען די טייערע כולל יונגעלייט און בחורי חמד הייבן אן בעזרת ה' א נייע זומער זמן, און אסאך מאל הערט מען זיך אפרעדן אז "עס גייט שווער" וכדומה, דארף מען וויסן אז אזוי איז דער וועג צו לערנען תורה, זיך פלאגן, און דאן האט דאס די גרעסטע השפעה אויף דעם מענטש [און דערנאך ווערט אוודאי גרינג ווערן, מכאן ואילך יערב לכם].

דער שפת אמת טייטש (פרק ב אבות משנה ב) "כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה", תורה וואס מ'הארעוועט נישט דערביי, האט נישט קיין קיום.

**י.** באופן כללי דארף מען וויסן אז קינדער זעען אלעס, נישט אלע קינדער ברענגען ארויס

**הוֹצִיאָנוּ**, אַז דָאס וָואס עֶס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען נֶעכְטֶן דָאס אִיז 'בְּחֹזֶק יָד' הֶעכֶערֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט לוֹיט דִי מַדְרֵגָה, אָבֶער יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ הָארֶעוֶוען!

**אִיצְט** – אָנְפַאנְג זְמַן – אִיז דִי צַייט צוּ הָארֶעוֶוען עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה, מִיט אַ שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה!

### יִשְׂרָאֵל נִמְשְׁלוּ לְתַפּוּחַ

**עֶס** שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (שיר השירים ב ג) אוֹיפְן פָּסוּק כְּתַפּוּחַ בַּעֲצֵי הַיַּעַר, מַה הַתַּפּוּחַ הַזֶּה מִשָּׁעָה שֶׁמּוֹצִיא נִצּוֹ וְעַד שֶׁגּוֹמֵר פֵּרוֹתָיו חֲמִשִּׁים יוֹם אַזוֹי וִוי אַן עֶפְּל גֶעדוֹיעֶרְט פוּפְצִיג טֶעג פוּן וֶוען דִי בְּלוּם קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם בּוֹים בִּיז עֶס וֶוערְט פַּארְטִיג אִינְגַאנְצֶען רֵייף, כֵּן מִשָּׁעָה שֶׁיָּצְאוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם וְעַד שֶׁקִּבְּלָה אֶת הַתּוֹרָה חֲמִשִּׁים יוֹם אַזוֹי אוֹיךְ גֶעדוֹיעֶרְט פַּאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּפְצִיג טֶעג צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְען גְרֵייט צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה. אָבֶער דָאס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי אַן עֶפְּל, פּוּנְקְט וִוי בֵּיים עֶפְּל וָואס וַואקְסְט פַּאר גַאנְצֶע פוּפְצִיג טֶעג, יֶעדֶער טָאג וֶוערְט עֶס אַבִּיסְל גְרֶעסֶער בִּיז עֶס וֶוערְט גְרֵייט, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן מִיר נָאכְאַנַאנְד שְׁפְּרָאצְן, בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצִיג טֶעג דַארְפְן מִיר הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁטֵייגְן בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרֵייט צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

### לְהִטָּהֵר וּלְהִתְקַדֵּשׁ בִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מַעְלָה

**אוֹיבּ** מִיר וֶועלְן זִיךְ טַאקֶע רִיכְטִיג צוּ גְרֵייטְן, אוּן מִיר וֶועלְן אוֹיס נוּצְן דִי טֶעג צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט אוּן זִיךְ רֵיינִיגְן צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זֵיינֶע בַּאגְרִיפְן אוּן מֶעגְלִיכְקֵייטְן, אָבֶער כָאטְשִׁיג אַבִּיסְל מֶער וִוי דִי גֶעוֶוענְלִיכֶער שְׁטֵייגֶער, אוּן שְׁטֵייגְן פַּאר פוּפְצִיג טֶעג אִין אַ צִי, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

**דֶער** קְדֻשַּׁת לֵוִי (פרשת יתרו ד״ה ונראה לי) שְׁרֵייבְּט, אַז כְּדֵי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דֶעם "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ", אִיז נִישְׁט גֶענוּג צְוֵויי דְרֵיי טֶעג הֲכָנָה, אוּן אֲפִלּוּ אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ גְרֵייטְן אַ גַאנְצֶע יָאר, וֶועט נָאכְאַלְס נִישְׁט זַיין גֶענוּג, נָאר אוּנְז דַארְפְן זִיךְ גְרֵייטְן דָאס מֶערְסְטֶער וָואס מֶען קֶען, מַאכְן אַ גֶעהֶעריגֶע פְּלַאן אוּן אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי אַזוֹי צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי יְמֵי הַסְּפִירָה, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רָאוּי אַז צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה אָמֵן סֶלָה.

---

קלאר זייערע קושיות און שאלות, אבער אינעווייניג ווייסן זיי פיל מער ווי מ'מיינט, מ'קען זיי נישט פארדרייען א קאפ! ווען א טאטע שיקט אריין זיין קינד דאווענען שחרית שבת און ער שמועס'ט ביז נשמת, האט דער קינד א גרויסע קושיא "מה זאת" און וואס קען דער טאטע ענפערן אויף דעם?

אדרבה עס קען זיין אז א חלק פון די סיבה פארוואס די תורה גייט אריבער פון דור צו דור, איז טאקע דערפאר אז די עלטערן זאלן זיך מוזן מחזק זיין אין אידישקייט כדי זיך נישט סותר זיין יעדע צווייטע מינוט...